**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/02/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די עפענונג פון די ערשטע דערוואקסענעם-באניץ פון קאנאביס אפטייק אינעם דרום רייענשיכט**

***בינגהעמטאן אפטייק ענפנט זיך פרייטאג, פעברואר 10; וועט זיין דאס ערשטע אויסער ניו יארק סיטי***

***נאך אפטייקן וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע וואכן***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז דאס ערשטע באדינגיגע דערוואקסענעם-באניץ ריטעיל לייסענסעס אין דער דרום רייענשיכט וועט זיך עפענען אין בינגהעמטאן. מיטן עפענען דאס געשעפטע אוואנסירט ניו יארק סטעיטס געפלאנצטע געלעגנהייט איניציעטיוו און די סטעיטס צילן פון ישרות אין אויסטיילן לייענסעס פאר קאנאביס, וועלכע פריאריטיזירט צושטעלן לייסענסעס צו יוסטיץ-שייכ'דיגע יחידים וועלכע זענען מענטשן מיט א קאנאביס פאר'מישפט'ע אדער א נאענטע קרוב מיט איינס, און נישט פאר קיין ריווח וואס סערווירן יוסטיץ-אריינגעמישטע יחידים. דער פלאנירונג דירעקטארן אין בינגהעמטאן האבן געגעבן זייער לעצטע הסכמה נעכטן אין אווענט, קלאר געמאכט די וועגן פארן געשעפט זיך צו עפענען פעברואר 10.

"מיטן עפענען נייע אפטייקן אזוי ווי 'אטעם נאר' אין בינגהעמטאן, טוען מיר אויסשפרייטן דאס לאנדס מערסטע יושר'דיגע און אריינגעמיגע קאנאביס אינדוסטריע דא אין ניו יארק."**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק בלייבט איבערגעגעבן צו שטיצן פריוווליגע ביזנעס אפטייק אייגנטימערס, ניו יארק פארמערס וואס האבן אריינגעלעגט זייערע שווייס אין דעם שניט און יעדע דערוואקסעס וואס וויל הנאה האבן פון לעגאלע געקויפטען קאנאביס אין און פון דער עמפייער סטעיט."

דער אפטייק וואס עפענט זיך אין בינגהעמפטאן - אטעם נאר אויף 75 קארט סטריט - וועט געהערן און ווערן אנגעפירט ביי א שותפות צווישן א געניטער לאקאלע געשעפטסמאן, דעמיען קארנוועל, און דער נישט פאר קיין ריווח ברום קאונטי שטאטישע ליגע. קארוועל האט געהאלפן אנפירן איניציעטיוון מיט די BCUL, צושטעלן יוסטיץ-שייכות'דיגע יחידים מיט רעסורסן, עדיוקעישן און וועגן צו קאריערעס איבער די לעצטע צוואנציג יאר. דאס געשעפט וועט זיך עפענען אויפן זעלבן ארט ווי א יעצטיגע לייסענסט קאנאבינויד העמפ געשעפט, וואס האט מצליח געווען צו אריינברענגען קאנאביס-אויסגעארבעטע פראדוקטן, אזוי ווי CBD אויל און מעל, פאר דער קאמיוניטי זינט 2020. דאס איז דאס ערשטע מאל אין דער דרום-שטאפל, וועט דער לייסענסט אפטייק זיין אפן פאר קונים אינעם הארץ פון אן איבערגעמאכטע דאונטאון בינגהעמטאן מיט פראדוקטן גענומען פון פארמערס פון דער געגנט און איבער ניו יארק סטעיט. דאס געשעפט וועט זיין אפן פארן ציבור 3 אזייגער פרייטאג נאכמיטאג, פעברואר 10. די געוויינטלעכע שעה'ן וועלן זיין מאנטאג - מיטוואך, 12 מיטאג - 8 ביינאכט; דאנערשטיק 12 מיטאג ביז 9 ביינאכט; פרייטאג 12 מיטאג ביז 10 בייטנאכט און שבת, 12 מיטאג ביז 9 ביי נאכט.

**פארזיצער פון דער קאנאביס קאנטראל פארוואלטערטרעמעין רייט האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיטס קאנאביס אינדוסטריע וואקסט, און ביי געבן רשות פאר לאקאלע נישט פאר קיין ריווח קאמפאניס און יחידים וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך פראהיביציע, ווייזן מיר דעם פאלק ווי אזוי אוועקצושטעלן יושרדיגע און אן ארנטלעכע קאנאביס אינדוסטריע. דער איינפלאנץ גלעגנהייט איניציאטיוו אנגעהויבן ביי גאווערנער האקול לעצטעס יאר האט אונדז דערמעגלעכט צו ווייטער אויסשפרייטן אונדזער גרייך, ברענגען גלעגנהייטן צו געמישטע געמיינדעס איבער דער סטעיט. מיר באשאפן פאסטנס, יאגן אונטער עקאנאמישע געוואוקס, און צושטעלן צוטריט צו קוואליטעטע קאנאביס פראדוקטן און עדיוקעישן איבער דער סטעיט."

**עקזעקוטיווע דירעקטאר פון דער אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג קריס אלכסנדער האט געזאגט**"ווען עס זאל נישט זיין ווען גאווערנער האקול מעלדט דאס עפענונג פון א נייע דערוואקסענע-באניץ קאנאביס אפטייק, פארשפרייט זיך א שמייכל אויף מיין פנים, און מיט דעם געשעפט וואס גרייט זיך באלד צו עפענען, פארברייטערט זיך דאס שמייכל פון אויער צו אויער. מיר האבן באשאפן א יושרדיגע קאנאביס באזארג-קייט וואס טוט בענעפיטן יעדער איינער אין ניו יארק וואס וויל אנטייל נעמען, סיי אלץ א קונה אדער אלץ סוחר. דאס איז נאר דעם אנהייב, און נאך גרויסע זאכן וועלן קומען."

**דער פרעזידענט און CEO פון דער ברום קאונטי שטאטישע ליגע דזשעניפער לעסקא האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע פון מאריכואנא פרעזענטירט אן עקאנאמישע גלעגנהייט פאר אלע ניו יארק איינוואוינער, און די ברום קאונטי שטאטישע ליגע איז אויגעהייטערט אנטייל צו נעמען דערין. דער פאטענציאל פון דער אינדוסטריע איז ריזיק, און ניש גלייך צו קיין שום זאך וואס מיר האבן אמאל געזען. אונדזער מיסיע איז אייביג געווען צו העלפן מענטשן ארבעטן און פארדינען, און די אינדוסטריע קען דאס טון. ספעציעל, קען עס ענדערן די עקאנאמישע לאנשאפט פון ברום קאונטי, און מיר זענען זיכער שטאלץ צו אנטייל נעמען אין דער פאטענציאלע צוקונפט."

**שותפות אין אטעם נאר, דעימיען קארנוועל האט געזאגט,** "איך בין דערקוויקט און קוועל צו ברענגען לעגאלע, זיכערע, און לאקאלע פראדוקטן צו מיין קאמיוניטי. די עקאנאמישע גלעגנהייטן פרעזענטירט דורך די ביזנעס אין דער פארעם פון נייע פאסטנס און לאקאלע שטייער הכנסות ערשט געבויעט אויף די צענדליגע יארן פון ארבעט וואס מיר האבן געטאן מיט די ברום קאונטי שטאטישע ליגע אויפצוהייבן די אונטערסערוווירטע קאמיוניטיס אין אונדזער געגנט. 'אטעם נאר' וועט אנבאטן, דאס סאמע ערשטע מאל אין דער דרום שטאפל, א זיכערע און רעגולירטע פלאץ צו קויפן קאנאבוס."

**סטעיט סענאטרין ליז קרוגער האט געזאגט,** "יעדע נייע קאנאביס געשעפטסמאן וואס עפענט א געוועלב אין ניו יארק איז א טריט נענטער צו אונדזער ציל פון באשאפן א בליענדיגע דערוואסענעם-באניץ מארק, איינע וואס קאנצענטרירט אויף ישרות און די קליינע ביזנעסע וואס בויען הצלחה און אנקערן אונדזערע קאמיוניטיס. דאס איז שוין געווען אן אויפגעהייטערטע יאר פאר דער אויפוויקלען פון דער פראגראם, מיט נאך אזוי פיל וואס וועט נאכקומען."

**סטעיט סענאטארין לאה וועב האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז מיין דיסטריקט און דער שטאט פון בינגהעמטאן וועט באהויזן דאס ערשטע דערוואקסענעם-באניץ פון קאנאביס וואס וועט עפענען אירע טירן אין אפסטעיט ניו יארק. איך וויל אנבאטן א ווארעמע אויפנאמע פאר 'אטעם נאר' און א הארציגן מזל-טוב פאר דעמיען קארנוועל פאר דער וויכטיגן מיילצייכן. ניו יארקס וואקסנדיגע קאנאביס אינדוסטריע איז געבויעט אויף פרינציפן פון ישרות און מיר קוקן זיך אויס פאר דער עקאנאמישע געוואוקס און נייע פאסטנס וואס די אינדוסטריע וועט ברענגען צו אונדזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטל פיפעלס-סטאוקס האט געזאגט** "איך בין צופרידן אז דער על-תנאי דערוואקסענעם-באניץ אפטייק געשעפטן טוען ווייטער עפענען זייערע טירן. די צייט, ענערגיע,

און אינוועסטירונגען וואס איז געמאכט געווארן אין אלע שטאפלען פון דער פארזארג-קייט הייבן אן ווערן אנערקענט און די סוחרים רייניגן אפ דעם וועג פאר ניו יארק צו זיין דאס פאלקס אנפירער פון יושרדיג, זיכערע, און בליענדיגע קאנאביס מארק-פלאץ. איך קוק פאראויס צום טאג ווען אלע קאמיוניטיס וואס ווילן ערלויבן פארקויפן קאנאביס אינעווייניג זייערע גרענעצן וועלן אויך אויסשטרעקן זייערע הענט צו עפענען אפטייקן, אבער איך בין פרוסטרירט אז טייל ראיאנען אין דער סטעיט זענען אין אן אומגינציקן מצב צוליב די אנגייענדיגע פאראדענונג וואס אסר'ט CAURD לייסענסעס אין די געגנטער."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאנא לופארדא האט געזאגט,** "יארן פון שווערע ארבעט ווערן סוף כל סוף מקויים אין דער שטאט פון בינגהעמטאן; דאס ארט פון דער ערשטע דערוואקסענעם-באניץ קאנאביס אפטייק זיך צו עפענען אין אפסטעיט NY. מיר זענען זיך מתחייב אוועקצושטעלן א זיכערע, לעגאלע סיסטעם וואס שטיצט NYs אגריקאלטורע פראדוצירער און סאציאלע יושרדיגע שותפים. עס פאסט אז 'אטעם נאר' עפענט אויף בשותפות מיט ברום קאונטי שטאטישע ליגע; אן ארגאניזאציע אינגאנצן דעדיקירט צו עקאנאמישע און סאציאלע ישרות."

**ברום קאונטי עקזעקוטיוו דזשעיסאן גארנער האט געזאגט,** "האבנדיג דאס געשעפט אין ברום קאונטי וועט העלפן די פארמערס און צושטעלן הכנסה פאר דער קאונטי וואס שטיצט קריטישע סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו פאר אונדזערע איינוואוינער. איך בין דאנקבאר פאר דער גאווערנערס ארבעם צו פארזיכערן אז די אינדוסטריע איז זיכער און פארלעסלעך פאר קונים, בשעת עס טוט אויכעט שטיצן לאקאלע ביזנעס אייגנטימער."

**בינגהעמטאן מייאר דזשערעד מ. קראהאם האט געזאגט,**"בינגהעמטאן איז שטאלץ צו פירן דעם וועג אויף דער לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע אין אפסטעיט ניו יארק. זייענדיג די ערשטע לייסענסט אפטייק אויסער ניו יארק סיטי וואס ריכט זיך צו עפענען אין דאונטאון בירמינגהעם, איז אונדזער קאמיוניטי גרייט צו מאקסימיזירן די געלעגנהייטן פאר נייע פאסטנס, קאמיוניטי אינוועסטירונגען און ווייטער אויפלעבן אונדזער שטאטישע גרונטן. אדאנק גאווערנער האקול און OCM פאר זייער ארבעט צו ברענגען די קאנאביס אינדוסטריע צו ניו יארק סטעיט."

גאווערנער האקול האט געמאלדן די עפענונג פון די ערשטע געשעפט על תנאיפון דערוואקסענעם-באניץ אפטייק לייסענס פר יחידים אין ניו יארק סטעיט אין יאנואר. פאר דעם, דער ערשטע לייסענס אין דער סטעיט האט געארבעט ביי א נישט פאר קיין ריווח איינוואוינער ארבעט,וואס האט זיך געעפנט פאר א יאר אין ענדע דעצעמבער. דער CAURD לייסענס איז א  צענטראלע עמוד פון דער ניו יארק סטעיט איינפלאנץ געלעגנהייט איניציאטיוו. דורך די אינציאטיוו וועלן ניו יארק'ס ערשטע לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפטן אפערירט ווערן דורך די וועלכע זענען שווערסטע באטראפן געווארן פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט אדער דורך נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס וועמען'ס סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע פאר געוועזענע ארעסטאנטן. די אפטייקן מאכן לעגאלע דערוואקסענעם-באניץ מכירות מיט קאנאביס פראדוקטן געוואקסן ביי ניו יארק פארמערס.

צו זיין פאסיג, מוזן אפליקאנטן האבן אדער געווארן פארמישפט פאר קאנאביס, אדער זיין דער נאענטער משפחה מיטגליד פון איינער וואס האט, און פארמאגן אדער האט פארמאגט א ביזנעס וואס האט געהאט א נעטו ריווח פאר כאטש צוויי יאר. נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט פאר CAURD לייסענסעס אויב זיי האבן א היסטאריע פון צושטעלן סערוויסעס פאר יעצטיגע אדער געוועזענע ארעסטירטע מענטשן, ארייננרעכענענדיג זיי גיבן ארבעט'ס געלעגנהייטן; האבן צום וויניגסטנס איין באורד מיטגליד וואס איז אליין פארפלאנטערט געווען מיט די יוסטיץ סיסטעם; צום וויניגסטנס פינף פול-טיים ארבייטער; און האבן אפעררירט א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואס האט געהאט פארמעגנס אדער פארדינסטן פאר צום וויניגסטנס צוויי יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418